ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי
שער שלישי

# לקוטי שיחות

## על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## נשא

**(חלק כח שיחה ב)**

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**
770 איסטערן פאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת נשא, ה־יא סיון, ה׳תשפ״ה (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# נשא ב

א. בפרשתנו דערציילט די תורה[1]: „ויהי ביום כלות משה להקים את המשכן וימשח אותו ויקדש אותו גו׳ ויקריבו נשיאי ישראל גו׳ ויביאו את קרבנם לפני ה׳ שש עגלות צב ושני עשר בקר עגלה על שני הנשיאים ושור לאחד ויקריבו אותם לפני המשכן״.

איז דאָ אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק: מ׳געפינט אַז נדבת המשכן האָבן די אידן געגעבן מיט אַ נדיבות לב ביותר, ביז אַז ס׳איז געווען „דים . . והותר״[2], ווי קומט עס אַז דוקא נשיאי ישראל האָבן ביי נדבת העגלות מצמצם געווען און מנדב געווען יעדערער אַ האַלבע עגלה! „עגלה (אחת) על שני הנשי־אים״?!

נאָכמער: בנוגע נדבת הנשיאים שטייט אין ספרי[3] ומדרש[4], און אַראָפּגע־בראַכט אין פרש״י[5], „מה[6] ראו הנשיאים . . במלאכת המשכן לא התנדבו תחלה . . כך אמרו הנשיאים יתנדבו צבור מה שיתנדבו ומה שמחסרין אנו משלימין כיון שראו שהשלימו צבור את הכל שנאמר[2] והמלאכה היתה דים אמרו מעתה מה לנו לעשות, הביאו את אבני השוהם והמילואים לאפוד ולחושן[7] לכך התנדבו כאן תחלה״ — ד.ה. אַז נדבת הנשיאים ביום כלות משה להקים את המשכן איז געווען אויסן פאַרריכטן דאָס וואָס שלא התנדבו כדבעי (תחלה), אַרויסצוברענגען נדבת לבם פאַרן משכן כדבעי בשלימות — און ווי האָבן זיי דאָס באַוויזן — דורך ברייגנען אַ האַלבע עגלה[8] (יעדער נשיא)[9]!

נאָכמער איז ניט פאַרשטאַנדיק:

ווי פאַרשטאַנדיק פון פשטות הכתובים, און אַזוי שטייט מפורש אין מדרש[10] האָבן די נשיאים געבראַכט די „שש עגלות צב ושני עשר בקר״ צוליב „לשאת את המשכן״; און אַזוי איז גע־וועןן בפועל, ווי מפורש אין פסוק[11] אַז משה האָט פאַנאַנדערגעטיילט די עגלות „כפי עבודתם״ — צו בני גרשון „שתי העגלות״ און „ארבעת הבקר״ און צו די בני מררי „ארבע העגלות״ און „שמונת הבקר״.

---

1) ז, א־ג.

2) ויקהל לו, ז.

3) פרשתנו ז, ג.

4) במדב״ר פי״ב, טז.

5) עה״פ שם. ועד״ז בפ׳ ויקהל לה, כז.

6) ל׳ רש״י פרשתנו שם. ועד״ז בספרי ובבמדב״ר שם.

7) ויקהל שם.

8) וה״ז שלא בערך הנדיבות שהיתה אצלם בפועל לפנ״ז — בהבאתם לנדבת המשכן אבני שוהם ואבני מלואים ובושם וגו׳ (ויקהל שם, כז־ח). ולהעיר מלשון הש״ך עה״ת כאן (עה״פ ז, ג־ד) לא רצה לקבל מהם לפי שהוא מעט לפי ערכם . . אמר אתמול היו רוצים לעשות המשכן כולו ועכשיו מביאים זה המעט.

9) בספורנו (ז, ג): לאות אחוה ביניהם* אשר בה יהיו ראויי׳ שתשרה שכינה ביניהם (וראה גם ש״ך עה״ת). אבל צריך טעם מדוע דוקא בנדבה זו לשאת המשכן הוצרכו להדגיש זה.

10) במדב״ר שם. וראה גם פרש״י פרשתנו ז, יו״ד.

11) פרשתנו שם, ז־ח.

---

*) וב„מפתח״ להמחבר (נדפס בסוף ביאורו על התורה, ירושלים תשמ״ב) בפרשתנו כתב: **אף על פי שהיו עשירי עם.**

און דאָס — וויסנדיק די גאָר גרויסע מאָס[12] פון די קרשים און די עמודים, און האָבנדיק אַ השערה וועגן זייער משקל און דערצו קומען צו די הונדערט אדנים, וואָס יעדערער פון זיי איז ככר של קודש[13] משקלו[14].

ובפרט לויט דעם ווי די גמרא[15] מאַכט דעם חשבון אַז „אורך עגלה" איז „חמש אמות" און „רוחב עגלה" איז „שתי אמות ומחצה", און במילא האָבן די קרשים געדאַרפט ליגן זה ע"ג זה — צוועלף קרשים אויף יעדער עגלה[16]; און צו דעם האָט אַ בן לוי געדאַרפט נאָכגיין און אַכטונג געבן און מתקן זיין „את הסדר זו על זו שלא תפול העליונה, וכל הדרך הוא מהלך אחורי העגלה, וכשרואה אותן משתלפות אל תוך האויר רץ לתוך בליטת הקרשים שבצדדין, עד שמגיע לאמת האויר שביניהם, ודוחק עצמו לעמוד בחצי אמה עד שיחזיר הנשלפת למקומה ועל סדרה"[17] —

און צו דעם קומען צו די עמודים ואדנים פון משכן[18] און זעכציג עמודי החצר[19], און זעכציג אדני נחושת זייערע[20] — און דאָס אַלעס האָט מען געדאַרפט לייגן אויף פיר עגלות!

ולכאורה איז דאָס היפך ההנהגה פון נדיבות און פון הרחבה ועשירות אין משכן און מקדש וואו „אין עניות במקום עשירות"[21] — און ווען עס וואָלטן געווען מער עגלות וואָלט מען ניט געדאַרפט אָנלייגן[22] אַזויפיל קרשים איינע אויף די אַנדערע[23] און מ'וואָלט פאַרשפּאָרט די טרחא צו אַכטונג געבן כל הדרך ווען מען פירט די קרשי המשכן אויף די עגלות!

ב. אין פשוטו של מקרא וואָלט מען לכאורה געקענט פאַרענטפערן בפשטות (און דערפאַר שטעלט זיך ניט רש"י אויף דעם):

12) כמפורש בפ' תרומה כו, טו ואילך.

13) שהוא משקל „ששים מנה ומנה של קודש כפול הי' . . הרי ככר של קודש) ג' אלפים שקלים" (פרש"י פקודי לח, כד).

14) שם, כז. וראה שם ל־לא (בנוגע אדני אה"מ כו' — ראה גם לקמן בפנים). והרי כל זה הי' במשא בני מררי (פרשתנו ד, לא־ב) על ארבע עגלות!

15) שבת צט, א.

16) או: כ"ד קרשים על כל ב' עגלות יחד — ראה מחלוקת רש"י ותוס' (ד"ה למה לי) שבת שם (ובעוד ראשונים שם) — באופן הנחת הקרשים על העגלות. וראה גם מדרש לקח טוב סוף פרשתנו.

17) לשון רש"י שם ד"ה הוה נקטי להו. וראה שם תוד"ה אמתא.

18) תרומה כו, לב ואילך.

19) צע"ג שלא נאמר ממה נעשו עמודי החצר, משא"כ כל שאר פרטי המשכן!

וכן (ותמוה עוד יותר) לא נזכרו (ואפילו לא ברמז) הקונדוסין. ובפרש"י מביאם בפשטות (תרומה כז, יו"ד) ומפרש „כמין קונדוסין שקורין פלא"ש"* ותו לא!

עתה ראיתי שהקשה כן בנוגע לעמודים בתוס' הריב"א, ועוד ובאברבנאל — שהיו מעצי שטים — ובכל אופן הקושיא — דלמה סתם הכתוב או (את"ל שאין קפידא) למה דוקא בעמודים אין קפידא — במקומה עומדת.

20) שם כז, יו"ד ואילך.

21) שבת קב, ב. וש"נ. במדב"ר פרשתנו (לענין קרבנות הנשיאים) פי"ד, יא־יב. וראה אנציקלופדי' תלמודית בערכו.

22) כי אף את"ל שאין עניות במקום עשירות (ע"פ הלכה) הוא רק בכלי שרת ובנוגע לעבודה בפנים המשכן והמקדש (ראה אנציקלופדי' שם. וש"נ), הרי מובן דאין עניות לכבוד המשכן.

23) ולהעיר גם מירושלמי (שבת פי"ב ה"ג (הובא גם בר"ח שבת קד, סע"א) ובקה"ע שם. אסת"ר פ"ד, ד), דקרש שזכה „להינתן בצפון ינתן בצפון בדרום ינתן בדרום", ומשמע שיש חילוקי קדושה בדרגות הקרשים דקה"ק כו' (וראה גם פרש"י במשנה שבת קג, א ד"ה משום רושם). ולכאורה מקום לשקו"ט לגבי הנחה אחד על השני — ע"ד דספר של נביאים אין מניחין על חומש (מגילה כז, א. רמב"ם הל' ת"ת פ"י ה"ה. טושו"ע יו"ד סו"ס רפב).

*) וראה פרש"י עירובין לד, ב.

פריער, אין פ׳ תרומה[24], בנוגע צו דעם וואָס אין נדבת המשכן זיינען געווען „עצי שטים", איז רש״י מפרש: ומאין היו להם במדבר פירש רבי תנחומא יעקב אבינו צפה ברוח הקודש שעתידין ישראל לבנות משכן במדבר והביא ארזים למצרים ונטעם וצוה לבניו ליטלם עמהם כשיצאו ממצרים.

ווייס מען דערפון אַז אע״פ אַז פון ביזת מצרים און ביזת הים[25] האָבן די אידן אין מדבר געהאַט אַן עשירות מופלגה פון כסף וזהב כו׳ ואבנים טובות — אָבער „עצי שטים" האָבן זיי אין מדבר געהאַט נאָר דורך ברייינגען ארזים פון ארץ ישראל למצרים, און דערנאָך פלאַנצן זיי דאָרט, האָבן מיט זיי צוטאָן צוויי הונדערט און צען יאָר און דערנאָך מיטנעמען זיי מיט זיך למדבר; און פון דעם האָט מען געדאַרפט מאַכן די קרשים א.ז.וו. און כלי המשכן —

און דעריבער איז מספר העגלות גע־ווען נאָר כפי ההכרח.

ס׳איז אָבער ניט גלאַטיק אַזוי צו ענט־פערן ווייל די עגלות זיינען געווען נאָר מצד נדבת הנשיאים — מבלי כל הגבלה שיהיו דוקא עצי שטים. ותמוה בכלל צו זאָגן אַז במצרים האָט מען ניט געקענט געפינען עצים חזקים[26] אויף צו מאַכן מערערע[27] עגלות[28].

ולהעיר פון מחז״ל[29] אַז געוויסע זאַכן האָט מען געקויפט פון תגרי אומות העולם.

ג. אין ספרי[30] (ועד״ז אין מדרש[31]) לערנט מען אָפּ פון פסוק „קח מאתם" — „באו ועמדו לפני המשכן ולא קיבל משה מהן עד שנאמר לו מפי הקדש[32] קח מאתם הא הסכימה דעתן לדעת העליונה". דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז נדבת העגלות (ובמילא — מספרן) איז כפי דעת ה׳. וע״ד די קרבנות וואָס די נשיאים האָבן געבראַכט (בהמשך לזה) לחנוכת המזבח, זיינען דאָך כמה פרטים מהם געווען אַ הוראת שעה, ווי אויסגע־רעכנט אין רז״ל[33] און אויך אין פרש״י[34] (ולדוגמא — קטורת יחיד און אויפן מזבח החיצון, וואָס מען געפינט עס ניט במקום אחר), ומובן אַז אַ הוראת שעה איז געווען ע״פ הסכמת משה, דעת ה׳[35].

[כאָטש עס איז געווען „ויקריבו הנשיאים" מעצמם, און לא קיבל משה מידם עד שנאמר לו מפי המקום, איז פאַרשטאַנדיק בפשטות אַז ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט משה׳ן „יקריבו

24) כה, ה. וראה גם פרש״י שם כו, טו.

25) ראה רש״י בא יג, יג (מבכורות ה, ב). רש״י בשלח טו, כב (ממכילתא בא יב, לו). ועוד.

26) ע״פ לשון התוס׳ שבהערה 16: דהאיך יכולין קרשים שכל כך כבדים . . כ״כ כובד גדול לעמוד כו׳. אבל ראה רבותינו בעה״ת תרומה כה, ה.

27) מ״ש בחזקוני כאן פסוק ה: אם הוצרך להוסיף יוסיפו כל הצורך — צ״ע אם כוונתו על העגלות או רק בנוגע לשני עשר בקר, כהמשך לשונו: שהרי שני עשר בקר לא יוכלו למשוך . . קרשים והאדנים וכו׳.

28) משא״כ עצי מערכה להקריב קרבנות שאין צריך עצים חזקים כמו ארזים (וכיו״ב)* כמו שצריכים לעגלות שיוכלו לסבול כובד הקרשים (ראה לשון התוס׳ שבהערה 26).

29) יומא עה, ב.

30) ז, ג.

31) במדב״ר פי״ב, יח.

32) ובפרש״י שם: שלא קבל משה מידם עד שנאמר לו מפי המקום.

33) ראה מנחות נ, סע״א ואילך. במדב״ר פי״ג, ב בסופו. ועוד. וראה גם לקו״ש שבהערה 35. וש״נ.

34) פרשתנו ז, יד.

35) ראה לקו״ש חכ״ג ע׳ 42 ואילך.

*) וראה רמב״ם הל׳ איסורי מזבח פ״ז ה״ג.

את קרבנם לחנוכת המזבח"[36] איז די הקרבה געווען ע"פ ציווי ה'. ועד"ז בנוגע נדבת העגלות].

עס איז אָבער ניט מסתבר צו זאָגן אַז דער מספר העגלות איז אַ חוקה וגזירת הכתוב, אַן קיין שום טעם — ואדרבא — היפך הסברא, כנ"ל!

ובפרט אַז, כנ"ל, דער מספר איז גע־ווען כפי דעתם און ערשט דערנאָך איז נתגלה געוואָרן דעה העליונה.

ולהעיר אַז באַ די קרבנות וואָס זיי האָבן געבראַכט לחנוכת המזבח, וואָס „לא מצינו במקום אחר"[37] אַזאַ סוג קרבנות און אַזאַ אופן ההקרבה, איז אע"פ אַז דאָס איז געווען אַ הוראת שעה — איז דאָ טעמים און רמזים אויף דעם סוג און מספר הקרבנות של הנשיאים ווי חז"ל[38] זיינען מבאר בארוכה;

עד"ז בנדו"ד, באַ די נדבת העגלות, דאַרף מען זאָגן אַז דאָס וואָס די נדבת העגלות והבקר זיינען געווען במיעוט ובצמצום (וואָס איז לכאורה היפך הכלל אין עניני המקדש אַז „אין עניות במקום עשירות", כנ"ל סוס"א) — איז דאָ דערויף אַ טעם והסברה אַז אַזוי דאַרף זיין אין דער **נדבה**[39].

און ווי ס'איז קלאָר אין גמרא[40], אַז דאָ איז נוגע ובהדגשה אַז די עגלות זאָלן זיין בדיוק ובדווקא ניט לענגער און ניט ברייטער ווי דער מקום וואָס פאָדערט זיך פאַר הנחת הקרשים, און עס זאָל ניט זיין קיין איבעריקע אָרט (ללא צורך הקרשים)[41]: אויף דעם וואָס „אורך עגלה חמש אמות", פרעגט די גמרא „למה לי בארבע ופלגא סגי" (און די גמרא ענט־פערט „כי היכי דלא לידחקו קרשים"); ועד"ז לגבי רוחב העגלה „שתי אמות ומחצה" פרעגט די גמרא „למה לי באמתא ופלגא סגיא" (און ענטפערט „כי היכי דלא לידדו קרשים").

ד. וי"ל דעם ביאור בזה בהקדים איינעם פון די שינויים צווישן לשון הספרי און לשון המדרש אין דעם מאמר רז"ל הנ"ל סעיף א: אין ספרי שטייט „וכי מה ראו נשיאים להתנדב לכתחילה כאן ובמלאכת המשכן לא התנדבו בתחלה" (ועד"ז איז דער לשון אין פרש"י): אין מדרש איז דער לשון „למה נזדרזו הנשיאים לבא ולהקריב תחלה ובמלאכת המשכן נתעצלו ולא הביאו אלא .. באחרונה".

ויש לבאר איינעם פון די שינויי הלשונות, אַז לויט דעם ספרי זיינען די שש עגלות ושני עשר בקר ניט אין אַ גדר פון קרבן, משא"כ לויטן מדרש זיינען זיי להקריב — בגדר קרבן (כלשון הכתוב ממש „ויביאו את קרבנם"), און ווי עס שטייט בהמשך דברי המדרש „כיון שנגמר המשכן הקדימו והביאו קרבן בזריזות הה"ד ויקריבו נשיאי ישראל וגו'"[42].

אויך בנוגע צו דעת המדרש, געפינט

36) פרשתנו ז, יא. וראה ספרי (ורש"י) שם, י. במדב"ר פי"ב, כא.

37) ראה בהנסמן לעיל הערה 33־34.

38) ראה במדב"ר פי"ג, יד ואילך. פרש"י פרשתנו ז, יט ואילך.

39) כי אף שבמדרש שם פי"ב, יז מבואר רמזים לשש עגלות צב כנגד ששת ימי בראשית וכו', הרי זהו ע"ד הרמז, ומוכרח שמספרם צ"ל בהתאם לתפקידם בפשטות.

40) שבת צט, א.

41) ראה גם לשון רש"י שם צח, א ד"ה ארבעה: דע"כ כל מה שיכול לסדר על פני אורך העגלה הוא מסדר.

42) ומזה מובן שדוחק לפרש דהלשון קרבן במדרש שם קאי רק על הקרבנות לחנוכת המזבח, כיון שמביא על זה הפסוק „ויקריבו נשיאי ישראל וגו'" שנאמר בעגלות, וגם בפסוק מפורש „ויביאו את קרבנם לפני ה' שש עגלות גו'".

מען אין אַ שפּעטערדיקן אָרט אין מדרש[43] „והי' משה מתיירא . . שמא אחת מן העגלות נשברה או א' מן השוורים מת ונמצא קרבן של נשיאים פסול אמר לו הקב"ה והיו . . ניתן להם הווי' שיהיו קיימים לעולם" (און איז ממשיך אין מדרש און ברענגט פאַרשידענע דיעות היכן הקריבום — „בנוב הקריבום", „בג־בעון הקריבום", „בבית העולמים הקרי־בום" — אדער „בגלגל"[44]).

דאָס הייסט: אין מדרש גופא קען מען לערנען אויף צוויי אופנים: לויט דער התחלת המדרש הא' „לבוא ולהקריב", איז דער „קרבן" (בעיקר) אין דער הבאת הגברא[45], און לויט דער צווייטער פסקא אין מדרש „ונמצא קרבן של נשיאים פסול" איז אויך די חפצא וואָס זיי האָבן געבראַכט[46], די עגלות און די שני עשר בקר[47], געוואָרן אַ קרבן[48].

און לכל הדעות האָבן געדאַרפט זיין ניט מער פון „שש עגלות" — אע"פ וואָס עס איז אַ צמצום, היפך עשירות, פון די עגלות והבקר.

### ה. דער ביאור בזה:

נאָכדעם ווי דער מדרש הנ"ל איז מפרש „אמרו מה יש לנו להביא הלכו והביאו עגלות שיהיו נושאים עליהם את המשכן" איז ער ממשיך „ומי נתן להם העצה הזאת שבטו של יששכר[49] שכך אמרו להם משכן שעשיתם פורח הוא באויר אלא התנדבו עגלות שתהיו נו־שאים אותו בהם".

וי"ל הכוונה אַז עס איז ניט נאָר אַן ענין חיצוני פון דעם משכן — ווי ווער מען עם אַריבערפירן ממקום למקום — נאָר דער משכן ווערט אַ זאַך וועלכע איז נישא בעגלות[50].

---

43) פי"ב, יח. ושם מתחיל: מלמד שהביאום ומסרום לצבור. וראה משכיל לדוד לפרש"י ז, ג. צפע"נ עה"ת ז, ו.

44) ראה במדב"ר שם ובמ"כ.

45) דוגמא לדבר המצות שאין עושין שינוי בהדבר בו נעשית המצוה (בפרט המביא דורון לת"ח שכאילו הקריב ביכורים — כתובות קה, סע"ב): כל מצות ופעולות האבות (גם קרבנותיהם) שלא המשיכו קדושה בהחפצא — ראה לקו"ש חט"ו ע' 131. וש"נ. חט"ז ע' 212 ואילך. וראה לקמן הערה 48.

46) להעיר מפנים יפות כאן ז, ב.

47) ואולי י"ל שע"ד הקרבת כל הקרבנות — מקדשו, אח"כ מכניסו בעזרה, אח"כ שוחטו וכו' כן הי' גם בהעגלות ובהשני עשר בקר (שהיו קרבן לשיטת מדרש זה), שהקריבום „לפני המשכן" ואח"כ ויקח משה גו' ויתן אותם גו' ואח"כ נשאו בהם את המשכן ולבסוף הקריבום ע"ג המזבח — ראה תיב"ע פרשתנו ז, ה ובפי' יונתן שם. לעיל (בפנים) מבמד"ר. ועוד.

48) להעיר מב' הסברות בגדר מחצית השקל*, אם הכפרה הוי לפי שבאים בשביל קרבנות צבור שהם מכפרים, או ד„יש עליו גדר שם קרבן בפ"ע (ולכך פסק רבינו רפ"א מהל' שקלים** דצריך להביא מחצית שקל בב"א)" — צפע"נ השלמה ג, א ואילך — וזה שקונים מהם קרבנות צבור הוי ענין בפ"ע — ראה בכ"ז בארוכה לקו"ש חט"ז ע' 384 ואילך.

49) כמו הקרבנות לחנוכת המזבח (ראה פרש"י ז, יט).

50) דוגמא ומעין זה — דין מדרס ישנו רק בדבר שצורתו־תוכנו „בר מדרס" (ראה רמב"ם הל' מטמאי משכב ומושב פ"ז ה"ח. ועוד).

---

*) ובמ"א נתבאר, ע"ד הרמז — דשש עגלות וי"ב בקר שבנדבת (קרבן) הנשיאים למשכן הם דוגמת ב' התרומות שבנדבת המשכן ע"י בנ"י: א) שש העגלות — **חצי** עגלה לכל נשיא — דוגמת **מחצית** השקל. ב) י"ב בקר, בקר שלם לכ"א — דוגמת נדבת המשכן שכל אחד הביא ונדב דבר בפ"ע.

**) משיעורי הרמב"ם דשבוע זה (יום ו' עש"ק תשמ"ה) — להחלוקה דג"פ ליום.

אָן די עגלות איז דער משכן אַ זאַך וועלכע איז אַ „פורח באויר", די עגלות און י"ב הבקר זיינען ניט (נאָר) אַ מיטל בעלמא צו פירן דעם משכן ממקום למקום, נאָר עס פועל'ט אַ שינוי וגמר אין דעם משכן, אין דער חפצא פונעם משכן. וויבאַלד אַז דער משכן איז געבויט געוואָרן אַלס „אהל (מועד)" — ניט קיין בנין קבוע, נאָר צו גיין ממקום למקום (צוזאַמען מיט די אידן), איז כל זמן ס'זיינען ניטאָ קיין עגלות און בקר „שיהיו נושאים עליהם את המשכן" איז ניט נגמר געוואָרן די עשיית המשכן — „משכן שעשיתם פורח הוא באויר"

[ולפ"ז קומט אויס אַז הבאת העגלות והבקר איז אַ גמר במשכן, אַ מעין פון פעולת הקרבנות בהמזבח וואָס זיינען עם מחנך צו מקריב זיין אויף עם תמידים כסדרן וכו': מיט חנוכת המזבח איז גע־וואָרן דער גמר עשיית המזבח[51] — די עגלות והבקר לשאת את המשכן — זיינען ביחס צום משכן — מעין קרבנות דחינוך המזבח למזבח, מיט די עגלות והבקר ווערט דער גמר עשיית המשכן][52].

ו. ע"פ הנ"ל איז פאַרשטאַנדיק, אַז כשם ווי אין משכן (און ביהמ"ק) גופא, אע"פ אַז ס'איז געווען אַ הנהגה פון עשירות והרחבה, איז אָבער ניט געווען קיין איין פרט ופרט דפרט וועלכער איז ניט אויסגענוצט געוואָרן צוליב אַ פעולה וענין מסוים אין משכן

[וי"ל בדרך אפשר, אַז דער חלק ופרט וואָס איז מיותר און ווערט ניט אויסגע־נוצט אין משכן (דאיקרי מקדש) איז אַ מעין פון מכניס חולין לעזרה, אַ דבר חול אין משכן[53]],

עד"ז איז בנוגע צו די עגלות ובקר וועלכע זיינען אַ חלק פון משכן[54], אַז דאָס האָט געמוזט זיין במדה מדויקת בתכלית, (לא פחות, אָבער אויך) לא יותר. אַז עס זאָל ניט זיין קיין איין פרט וחלק וואָס ווערט ניט אויסגענוצט פאַר זייער צוועק, טראָגן דעם משכן: סיי אין דער מדה בכמות, שש עגלות מיט זייערע מדות מדויקות כנ"ל — ניט מערערע עגלות און ניט גרעסערע עג־לות; סיי אין די שני עשר בקר וואָס פירן די עגלות,

כאָטש דאָס איז אַ משא כבדה ביותר, דאַרף מען האָבן אַז עס זאָל אויסגענוצט ווערן בשלימות די כחות פון יעדע פון די שני עשר בקר וואָס האָבן געפירט די עגלות,

און ווען אין דעם וואָלט געווען אַ גרעסערע מדה אָדער מערערע עגלות וכו' איז ניט נאָר אַז די הוספה ווערט ניט קיין חלק פון דער (עשיית ה)משכן, נאָר דעמאָלט איז עס ניט דער שיעור פון די עגלות

ביז אַז קרא יתרה קמ"ל: כל[55] כסף

51) להעיר מצפע"נ (שם, יו"ד), לגבי קרבנות הנשיאים „דהוי ג"כ בגדר חינוך יש עליהם שם של בדק הבית כיון דנעשו לגמור את המשכן והכלים דעי"ז נתחנכו".

52) עפ"ז יומתק הא דבנוגע לכמה דינים „אף על פי שנסע אהל מועד הוא" (זבחים סא, ריש ע"ב. וראה מפרשים שם ס, ב ואילך. קטז, ב ואילך. מנחות צה, א ואילך. ועוד).

53) ברש"י שבת קב, ב ד"ה אין „לא עשו דבר בצמצום אלא הכל מתחלתן דיים והותר". אבל כ"ז הי' באופן וב(זמן) ההכנה למשכן (נדבת המשכן, בישול סממנים כו'), אבל לכאורה פשיטא דלאח"ז לא נשאר ה„והותר" לבטלה (שהרי נקדש). וראה בהנסמן לקמן הערה 66.

54) ראה במדב"ר שם, יז בסופו: מפני מה לא הביאו חציין עגלות וחציין שוורים מפני שהיו יראים שמא ימות שורו של א' מהם או שמא תשבר עגלה של א' מהם ונמצא אותו השבט אין לו חלק במשכן.

55) פרשתנו ז, פה. ספרי ופרש"י שם.

**הכלים וגו׳ למדך שהיו כלי המקדש מכוונים במשקלן שוקלן אחד אחד ושוקלן כולן כאחד** לא ריבה **ולא מיעט כו׳,**

**ולהעיר פון דעם דין[56] אַז כלי שרת אין מקדשין אלא מלאין[57].**

**ז. ויש להוסיף בזה,**

**ובפרט אַז ביאור הנ״ל איז לויטן מדרש אַז אויך די עגלות ושני עשר בקר האָבן אין זיך אַ גדר קרבן, און דעריבער טאָר ביי זיי ניט זיין קיין איין פרט וחלק וואָס ווערט ניט אויסגענוצט פאַר זייער צוועק, אין טראָגן דעם משכן וכנ״ל.**

**אָבער לדעת הספרי ועד״ז לפרש״י וואָס זיינען מפרש אַז מ׳האָט געבראַכט די עגלות ובקר לשאת את המשכן און זיינען דערביי** ניט **מדגיש אַז זיי האָבן אַ גדר פון קרבן —**

**יש לבאר דעם דיוק און דעם צמצום במספר פון די עגלות והבקר:**

**משא המשכן איז געווען איינע פון די עבודות פון די לויים[58], ווי ער זאָגט בתחילת הסדרה[59] „זאת עבודת משפחות הגרשוני לעבוד** ולמשא**", ועד״ז ביי די בני מררי — „וזאת משמרת** משאם **לכל עבודתם באהל מועד קרשי המשכן גו׳"[60].**

**עס איז מובן אַז בשעת דער אויבער־שטער האָט אָנגעזאָגט „קח מאתם והיו (העגלות והבקר) לעבוד את עבודת אהל מועד ונתת אותם אל הלוים איש כפי עבודתו", איז ניט געווען די כוונה דער־ביי** צונעמען **פון די לוים די עבודת משא בקודש, וואָס איז די לוים׳ס קדושה, ניט צונעמען דעם חיוב פון די לוים, נאָר די עבודת משא איז געווען און געבליבן מוטל אויף די לוים ביים אַרויפלייגן די חלקי המשכן אויף די עגלות און ביים אַראָפּנעמען פון זיי, און אויך בשעת זיי זיינען געלעגן אויף די עגלות זיינען לויים נאָכגעגייגען וכו׳, כדלקמן — און די עגלות זיינען געווען נאָר אויף „**להקל **ממשאו"[61]. והיינו: אויך דעמאָלט זיינען ניט די עגלות ובני הבקר די נושאי המשכן, נאָר די** לוים **טראָגן דעם משכן** דורך **די עגלות.**

**און דעריבער איז „הסכימה דעתן לדעת העליונה" און זיי האָבן געגעבן בכלל נאָר שש עגלות, און פאַר דעם משא כבד פון בני מררי זיינען געווען נאָר פיר עגלות,**

---

56) זבחים פח, א במשנה. מנחות ח, א. פח, א. רמב״ם הל׳ פסולי המוקדשין פ״ג ה״כ.

ולהעיר מתוד״ה קרמו (מעילה ח, א) בסופו: והא דכלי שרת מקדש היינו דוקא כשנעשה כל הראוי ליעשות בו והיינו כשנקרם (בנוגע לזה שתנור מקדש). ע״ש ובשטמ״ק שם. ועפ״ז יש להעיר גם בנדו״ד, שצריך שתיעשה כל הפעולה והכח מה שראוי ליעשות בהעגלה.

57) וי״ל שזהו גם הכוונה בפי׳ הב׳ ברמב״ן עה״ת (ז, ב) „ויתכן שנפרש ויביאו את קרבנם לפני ה׳ שש עגלות צב שש עגלות גדולות נושאות קרבנותיהם ושנים עשר בקר מושכים העגלות והנה הביאו העגלות מלאות והבקר לפני המשכן" (וראה גם אברבנאל כאן) — כי מכיון שבהם הביאו קרבנותיהם, דייקו שיהיו מלאים, מעין הנ״ל בכלי שרת.

58) אלא שאי״ז מצוה לדורות לדעת הרמב״ם (הל׳ כלי המקדש פ״ג ה״ח). וראה רמב״ן בהשגותיו לסהמ״צ שורש ג, ולמ״ע לד (במ״ע לג). לקמן ע׳ 49 ואילך.

59) ד, כד. ועד״ז שם, כז.

60) שם, לא ואילך. ובסיום הענין כולל גם משפחות קהת – ראה שם, מז. מט.

61) ל׳ המדרש שם, יח. וראה שם, יט. פרש״י ז, ז.

די עבודת משא מוז זיין באופן אַז אַ בן לוי זאָל נאָכגיין כל הדרך „אחורי העגלה" און אַכטונג געבן[62] — „וכש־רואה אותן משתלפות אל תוך האויר רץ כו'" (כנ"ל ס"א) — ווייל די לוים זיינען די נושאי המשכן (נאָר להקל עליהם איז עס ע"י העגלות).

ח. די הוראה פון דעם בעבודת האדם: חז"ל[63] זאָגן אַז „כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא ברא דבר אחד לבטלה", וואָס דער כלל איז אַלעמאָל און אומעטום — בכל חלקי ופרטי הבריאה.

בעשיית המשכן, וואָס דעמאָלט איז געוואָרן „באתי לגני לגנוני"[64] — אַז נאָך די אַלע חטאים וואָס האָבן גורם געווען סילוק השכינה, איז ירדה השכינה למטה בארץ, אין דעם משכן, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם[65] — איז דעמאָלט, בגמר מלאכת המשכן, אַרויסגעקומען בגילוי ווי קיין שום פרט איז ניט לבטלה ח"ו, נאָר יעדער איינציקער פרט ווערט אויס־גענוצט בשלימות פאַר דעם תפקיד צוליב וועלכן דער אויבערשטער האָט אים באַשאַפן.

און דערפאַר, כאָטש די הנהגה אין דעם מקדש איז באופן של עשירות, איז דאָס אָבער ניט אין אַן אופן פון לבטלה ח"ו, נאָר עס איז ניכר ווי יעדער פרט פירט דורך זיין תפקיד ותכלית בריאתו; און דעריבער, וויבאַלד אַז אויף לשאת את המשכן זיינען גענוג י"ב בקר און שש עגלות (באורך ורוחב מסוים), האָט קיין אָרט ניט אַז מ'זאָל דערויף מוסיף זיין. און דעם „והותר" וואָס איז דאָ — דאַרף (און מוז) ער אויסנוצן אין אַ צווייטן ענין במשכן[66].

וואָס פון דעם איז די הוראה צו יעדן אידן אין עשיית המשכן הפרטי שלו, כמרז"ל[67] אויף ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם „בתוכו לא נאמר אלא בתוכם" — בתוך כאו"א מישראל, אויף וויפל ער דאַרף זיין נזהר אַז יעדער כח ובכל פרטיו וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן זאָל ניט זיין לבטלה ח"ו, נאָר אויסנוצן אים אין דער פולסטער מאָס פאַר דעם תכלית ותפקיד צוליב וועלכען דער אויבערשטער האָט אים באַשאַפן — „אני נבראתי לשמש את קוני"[68].

און דאָס רעדט זיך וועגן יעדן כח בכחות נפשו, צו וויסן, אַז בשעת ער לערנט תורה און איז זיך ניט מתייגע כדבעי[69], נוצט ער ניט אויס כדבעי אָט דעם כח וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן[70];

און עד"ז בנוגע יעדער פרט אין זיינע כשרונות, אַז ער זאָל ווערן אויסגענוצט „לשם שמים" און צוליב „דעהו" —

אויף קיום המצות און — קיום המצות בהידור, און אַזוי אויך בפרט אין דעם ענין פון הפצת היהדות חוצה.

---

62) ומובן שעד"ז הוא גם במשא בני גרשון שהי' להם רק ב' עגלות אף שמשאם לא הי' גדול וטורח כ"כ כמשא בני מררי.

63) שבת עז, ב.

64) שהש"ר רפ"ה. וש"נ.

65) תרומה כה, ח.

66) או ע"פ פרש"י שבת מט, ב (ד"ה משום דכתיב ובמהרש"א ורש"ש שם). רמב"ן (ויקהל לו, ז). תו"ש שם.

67) ר"ח (שער האהבה פ"ו ד"ה ושני פסוקים). של"ה (ש' האותיות אות ל. ועוד). ובכ"מ.

68) קידושין בסופה.

69) כתובות סז, רע"א.

70) ראה גם לקו"ש ח"ב ע' 566 ואילך דאז הוי ביטול תורה (בדקות).

ועד״ז אויך אין זמן, אַז אפילו ווען ער האָט שוין „ממלא״ געווען, אָנגעפילט 23 שעה מיט 59 מינוט פון דעם מעת־לעת, דאַרף ער זיך משתדל זיין אַז אויך די איינציקע איבערגעבליבענע מינוט זאָל ניט גיין לבטלה ח״ו.

ט. און דאָס איז די הוראה וואָס מ׳לערנט אָפּ פון משכן, אַז בשעת עס איז דאָ אַן איבעריקע זאַך וואָס פירט ניט דורך איר תפקיד בשלימות, פעלט עס דעמאָלט אין כללות עשיית המשכן און במילא אויך ח״ו אין דעם ושכנתי בתוכם:

בשעת אַ איד פאַרפעלט אין אויסנוצן אפילו אַ פרט הכי קטן שבחלקו בעולם און עס גייט לבטלה ח״ו, ווערט כביכול אַ בלבול אין דער בריאה פון דעם אויבערשטן, וואָס „לא ברא (בעולמו) דבר אחד לבטלה״.

און בשעת יעדער איינער נוצט אויס אַלע זיינע כחות אויף דעם „אני נבראתי לשמש את קוני״ — טוט זיך אויף דער „ושכנתי בתוכם״ באופן גלוי בו בעצמו און עי״ז בכל העולם כולו,

וואָרום דורך דעם וואָס יעדער פרט בהבריאה פירט דורך דעם תפקיד צוליב וועלכן דער אויבערשטער האָט דעם פרט באַשאַפן, ווערט נתגלה אין דער בריאה ובכל חלק שבה, ווי דאָס איז אַ בריאה של הקב״ה בגילוי,

און עס ווערט אויפגעבויט דער ביהמ״ק השלישי, ובתוכו קומט אַראָפּ דער משכן שעשה משה וואָס איז קיים לעד[71], האוהל ואת כל כליו גו׳

אין דעם ביהמ״ק השלישי שיבנה במהרה בימינו על ידי משיח צדקנו — עס גייט ניט דורך קיין איין רגע לבטלה, ח״ו,

נאָר כימי צאתך מארץ מצרים, לא עכבם המקום כהרף עין[72],

מיד ממש.

(משיחות ש״פ נשא תשל״ג, מוצאי ש״פ נשא תשל״ח, י״ב סיון תשמ״ב)

---

71) סוטה ט, א. יומא עב, א. וראה לקו״ש חט״ז ע׳ 465 ואילך העילוי במשכן גם לגבי בתי מקדשות.

72) מכילתא בא יב, מא. פרש״י שם.